STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11843

PEN TISHKAH

Centre de documentation juive

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הײנטצײטיקער
ײדישער
דאָקומענטאַציע־
צענטער

ז. שניאור

א וואָרט וועגן

„יידישן דאָקומענטאַציע-צענטער"

אַ גוטער זכרון ביי אַן אינדיווידואום — דאָס איז אַ לעבנס־חכמה, בילדונג, טאַלאַנט. דער זכרון פון אַ פאָלק — איז נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלע איינהייט, שטאַנדהאַפטיקייט. דאָס איז די אחריות פון איי־נעם פאַר אַלע און פון אַלע פאַר איינעם.

אַ מענטש זאָל זיך נישט רעכענען מיט דעם וואָס ער געדענקט — וואָלט ער אַלעמאָל געמוזט אָנהויבן פון אלף־בית, איבערחזר'ן דאָס וואָס די עלטערן האָבן שוין לאַנג פאַרענדיקט. אַזוי אַרום וואָלט ער אומעטום געבליבן הינטערשטעליק.

אַ פאָלק וואָס געדענקט נישט — האָט נישט קיין געשיכטע, האָט נישט קיין זכות־הקיום, קען נישט באַווייזן זיינע רעכט און פאָדערן סאַטיספאַקציעס פאַר וועלטלעכע עוולות.

קורץ, יעדער גייך־פאָראויס הויבט זיך אָן דאָרטן, וואו דער אינדי־ווידועלער אָדער נאַציאָנאַלער וואוקס איז שטיין געבליבן אין פ אַ ר־ג ע ס נ ק י י ט און אויפגעבליט אין ד ע ר מ א נ ו נ ג.

ווען נישט דער שעפערישער זכרון ביי דער גאַנצער מענטשהייט, וואָלטן מיר נאָך אפשר אַלע געשטאַנען, היינט צו טאָג, ביי אַ פרימיטיוון פלאַקער און וואָלטן געשמידט קופערנע געצייג מיט אַ שטיינערנעם האַמער.

.2

אַ געוויסער קעניג אין אַלטן גריכנלאַנד, וועלכער האָט פאַרלוירן אַ טייל פון זיין לאַנד אין אַ מלחמה, האָט אָנגעשטעלט איינעם פון זיינע טרייע דינער, יענער זאָל אים אַלע טאָג אינדערפרי דערמאָנען:

— קעניג, געדענק וועגן די אפינען!

דאָס דערמאנען אים אַזוי, אַלע טאָג, אין משך פון יאָרן, האָט גע־

פירט דערצו, דער קעניג זאָל זאַמלען וואָפן און מיטלען, אָרגאַניזירן נייע אַרמייען. און ווען די צוגרייטונגען האָבן דערגרייכט זייער העכסטן פונקט, איז דער קעניג אומגעריכטערהייט באַפאַלן דעם געוועזענעם זיגער, צעשלאָגן אים און צוריק אָפגענומען די פאַרלוירענע טעריטאָריע.

אַן ענלעכן רוף פון אַ געשלאָגן פאָלק, וואָס האַלט אין פאַרמירן זיך, האָט אויך משה אויסגערופן נאָכן געשלעג אין דער מדבר, ווען עמלק איז אים באַפאַלן פון הינטן־אַרום און האָט „פאַרשניטן אַלע אָפגעשטאַנענע..." („ויזנב אחרי הנחשלים...").

— זכר אשר עשה לך עמלק!

געדענק, הייסט דאָס, וואָס עמלק האָט דיר אָפגעטון! אַזוי האָט דער דאָזיקער רוף געקלונגען.

דאָס איז געווען דער ערשטער נאַציאָנאַלער שלאָג־וואָרט וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון די יידישע נאָמאַדן־שבטים. און זיי האָבן דאָס אַזוי לאַנג געהאַלטן אַלס אַ הייליק געבאָט, ביז דער ערשטער יידישער קעניג שאול איז אויפגעשטאַנען און אויסגעראָטן דעם אַלטן שונא ע מ ל ק, וועלכער גנב'עט זיך אַלעמאָל אונטער און פאַרשניידט „די אָפגעשטאַנענע". און שאול אַליין איז געפאַלן, ווען ער האָט זיך אונטערגעגעבן זיינע וויך־האַרציקע סענטימענטן און נישט געטויט דעם הויפּט־פאַרברעכער, וועלכער „מאַכט פרויען פאַר שכולות" — דעם געפאַנגענעם קעניג פון די עמלקים.

.3

דער זעלבער געדאַנק פון „זכר אשר עשה לך..." אין אונזער מאָדערנער צייט, בשעת די „מאָדערנע" אויסראָטונגען פון יידישן פאָלק, איז געקומען דעם איצטיקן פרעזידענט פון „דאָקומענטאַציע־צענטער" ה' יצחק שניאורסאָן, ערגעץ־וואו אויף זיינע גלות־עטאַפּן אין גרענאָבל, בשעת ער אַליין איז געלאָפן פון די נאַצים און איבערגעלאָזן זיין הויז און פאַרמעגן אויף גאָטס באַראָט.

פאַראייניקן און פאַרקערפּערן דעם „זכר אשר עשה לך", צענטראַליזירן דעם דאָזיקן רוף און אַלע ווײ־געשרייען פון מאָרד און פיין, וואָס טראָגן זיך פון אַלע יידישע ישובים, פון פאַריז ביז טיף־רוסלאַנד און פון וואַרשע ביז גריכנלאַנד; נישט לאָזן פאַרשווינדן און פאַרגעסן־ווערן אַלע נאַצישע גרויזאַמקייטן, די שיריים פון זעקס מיליאָנען אומגעקומענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין פליטים־באַראַקן, און צעוויקלען איין גרויסן פראָטעסט־געשריי, ווי אַ פאַרבלוטיקטע פאָן, איבער דער גאַנצער יידישער און קריסטלעכער וועלט:

— זכר אשר עשה לך עמלק!

.4

אָבער אַן אידיי אַליין איז נאָך גאָרנישט. אַן אידיי איז ווי אַ טאַלאַנט. דאָס זיינען נאָר אינסטרומענטן וואָס הענגען אויף דער וואַנט. מען מוז נאָך דורכזעצן דעם ווילן מיט די דאָזיקע כלים, מען מוז פריער צוזאַמענציען רוי־מאַטעריאַלן, דערנאָך פאָרמירן, ברענגען אין אָרדנונג דעם באַאָס; סאָרטירן דאָס נוצלעכע און אָפּוואַרפן דאָס ווערטלאָזע.

עס איז צו שטוינען ווי איין מענטש, שוין ווייט נישט אין די יונגע יאָרן, וואָס איז אַליין געווען באַלאָדן מיט דאגות וועגן זיינע קינדער אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט און אין דעם אונטערגרונט־קאַמף, באַזאָרגט איבער זיינע צעשטערטע געשעפטן און חרובע אונטערנעמונגען און אויך פיזיש נישט איבעריק שטאַרק, האָט נאָך געפונען אין זיך גענוג קראַפט און ווילן צו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער „דאָקומענטאַציע־צענטער", צו נעמען אויף זיך אַ יאָך, וואָס דאַרף געטראָגן ווערן פון אַ גאַנצער אַקאַדעמיע מיט אַ סך געהילפן און אַרויסהעלפער.

איינער אַליין, כמעט אָן מיטלען, האָט ער גענומען אַרומפאָרן, זאַמלען, איינלאַדן מיטאַרבעטער און אויפפאָדערן צו ראַטעווען דאָקומענטן פון אונטערגאַנג, סטענאָגראַפירן אַלץ וואָס פאַרפייניקטע, האַלב־טויטע מענטשן געדענקען פון די נאַצישע גרויזאַמקייטן און דערנאָך צוזאַמענברענגען אַלע ניי־געשאַפענע אַרכיוון אין איין פונקט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס האָט זיך, אין אַ בערך קורצער צייט, געשאַפן אַ צענטער מיט מער ווי 70 טויזנט דאָקומענטן, מיט קאַרטאָטעקן, פילמאָטעקן, דאַטן און פאָטאָגראַפיעס און נאָטיצן אין די הונדערטער טויזנטער.

אין דער זעלבער צייט, דאָס הייסט: אין משך פון די עטלעכע נאָך־מלחמה־יאָרן, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביז 22 אילוסטרירטע בענדער פון די אויבנדערמאָנטע מאַרטירערטום־מאַטעריאַלן און נאָך אַ כ ט בענדער שטייען שוין גרייט אין דער ריי פאַרעפנטלעכט צו ווערן. און אַ ווייטערדיקע צאָל בענדער ווערן נאָך רעדאַגירט.

אויסער די אויבנדערמאָנטע ביכער, וועלכע ציען זיך, ווי אַ היסטאָרישע קייט פון אַלע נאַצישע פאַרפאָלגונגען, דערשיינט נאָך אַ רעגולערער חודש־זשורנאַל „לע מאָנד זשויף", וואָס באַלייכט און קאָמענטירט די לויפנדיקע אַרבעטן פון „דאָקומענטאַציע־צענטער". און צענדליקער פאַכמענישע מיטאַרבעטער האַלטן אין איין שטופּן דעם אָנגעלאָדענעם זאַגן, פון יידישן אונטערגאַנג און פונם וועלטלעכן פאַרברעכן, אין דער געשיכטע אַריין.

.5

נאָר צוליב וואָס זאָלן מיר דאָ פארלויפן דעם לייענער אין וועג און פאַרשפּאַרן אים דעם פאַרגעניגן אַליין צו באַקענען זיך מיט דער רשימה

פון דער שוין א פ ג ע ט ו ע נ ע ר און ל ו י פ נ ד י ק ע ר אויסערגעוויינלעכער אַרבעט?

מיר שטייען דאָ פאַר דער בייגעלייגטער בראָשור און באַוואונדערן דעם אויפטו פון איין מענטשן און שפּעטער — די מי און שעפּערישע אַרבעט פון צענדליקער געלערנטע, פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, שריפטשטעלער, סטאַטיסטיקער.

אָבער ב אַ ו ו א ו נ ד ע ר ן אַ ל י י ן א י ז ו ו י י נ י ק. ווייל אויסער דעם „דזשאָינט", וועלכער האָט ביז איצט רעגלמעסיק געשפּייזט דעם „דאָקומענטאַציע־צענטער" מיט אַ באַדייטנדיקער סומע אַלע חודש, האָט זיך נאָך עד היום קיין אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציע נישט אָפּגערופן מיט ממשותדיקער הילף. און „ממשותדיקע הילף" הייסט: ר ע ג ו ל ע ר ע, נישט צ ו פ ע ל י ק ע הילף. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות קען גאַנץ גענוי אַלע באַמיאונגען, וועגדונגען, השתדלותן, אסיפות, אויסמאַטערנדיקע רייזן, וואָס דער פּרעזידענט פון „דאָקומענטאַציע־צענטער" האָט אונטערגענומען אין משך פון די נאָך־מלחמה־יאָרן, כדי אויפצוועקן דעם אַזוי גערופענעם דעת־הקהל, מען זאָל נישט לאָזן פאַרפאַלן־גיין די געזאַמלטע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, מען זאָל האַלטן אין איין וועקן דעם וועלט־געוויסן, מיט זייער זאַכלעכער אָנקלאַגע, קעגן דייטשן פאָלק און זיינע מיטהעלפער... אין אַ געזונטצושטאַנד, וואָס וואָלט אַנדערע לייט געהאַלטן צוגעבונדן צום הויז און בעט, האָט דער פּרעזידענט פון „דאָקומענטאַציע־צענטער", י צ ח ק ש נ י א ו ר ס א ן, אַרומגערייזט אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ און אַמעריקע. ער האָט אָבער אויסגעווירקט מען זאָל אים צוזאָגן נישט־באַדייטנדיקע סומען, בערך — נישט באַדייטנדיקע צו די גרויסע הוצאות; און מייסטנס האָט מען נישט געהאַלטן וואָרט. דער רוף זיינער „זכור את אשר עשה לך עמלק!..." איז על פי רוב געבליבן הענגען אין דער לופטן. און דער יאָך פון אויסהאַלטן אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע איז ווידער געבליבן אויף זיינע פּלייצעס און אויפן האַלז און נאַקן פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, ווי זשוסטען ג א ד א ר, מ ע י ס און אַ קאָמיטעט פון פאַרשטייער, וואָס רעפּרעזענטירן אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַקטיוו אין פראַנקרייך.

.6

נאָך די גרויסע קימוצים און שניידן פון מיטאַרבייטערשאַפט און געהאַלטן, וואָס דער „דאָקומענטאַציע־צענטער" האָט געמאַכט אינם פאַריקן יאָר, שטייט ער נאָך אַליך פאַר דער אַלטער מימרא: „אם בקשת

לך בטלים יש לך בטלים הרבה". אַז מען וויל נישט קומען צו הילף זיינען דאָ אַ סך תירוצים...

געוויס, מיר זיינען אַלע די גאַנצע צייט נישט געשלאָפן. מיר ווייסן און פאַרשטייען זייער גוט וואָס עס באַדייט דאָס אויפשטיין פון „מדינת ישראל", די פּראָבלעמען פון עמיגראַציע און פליטים און לאַגערן וואָס מוזן ליקווידירט ווערן. מיר ווייסן וואָס דער דזשויאיש אַפּיל, יידישער וועלט־קאָנגרעס, קולטור־קאָנגרעס און אַנדערע פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע באַוועגונגען פאַרשלינגען. אָבער, אין גרונט גענומען, שליסט דאָך איין נויטווענדיקייט נישט אויס די צווייטע. אַזוי ווי קיין קראַנקייט שליסט נישט אויס קיין רפואה מיטן תירוץ, אַז עס זיינען דאָ „וויכטיקערע זאַכן".

נישטאָ קיין „וויכטיקערע זאַכן" פאַר אַזאַ קראַנקן אָרגאַניזם ווי דאָס יידישע, האַלב־אויסגעשלאַכטעט פאָלק שטעלט מיט זיך איצט פאָר. עס זיינען דאָ נאָר ו ו י כ ט י ק ע ז אַ כ ן. און איינע פון די וויכטיקע זאַכן א י ז און ו ו ע ט בלייבן דער „דאָקומענטאַציע־צענטער", דער רוף פון „זכר את אשר עשה לך עמלק", וואָס זאָל און מוז איינגעקריצט ווערן,מיט פייערדיקע אותיות, אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל און אין דעם נישט זויבערן געוויסן פון דער גאַנצער וועלט.

ז. שניאור

אינטערלאַקען, ערב יום־כפור תש"י.

ה' זשוסטע גאדאר, געוועזענער מיניסטער,

זאגט זיך ארוים וועגן

„יידישן דאקומענטאציע-צענטער"

אין אַזאַ עגאָיסטישער און אַזאַ רעאַליסטישער עפּאָכע, ווי עס איז די אונזעריקע, זיינען פאַראַן נישט וויניק סקעפּטיקער, וועלכע שטעלן זיך די פראַגע: „צו וואָס, אַ שטייגער, קאָן דינען אַזאַ אינסטיטוציע, ווי דער ה. יי. ד. צ."?

מען גלויבט, אַז אונזער אַקטיוויטעט איז מסוגל צו פאַראינטערעסירן בלויז אַ קליינעם קרייז ספּעציאַליסטן, א. ג. „ביבליאָטעק-נישטערער", וועלכע, לעבנדיק אין שאָטן פון די אַקטועלע געשעענישן, שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין שום באַדייטנדיקן פאַקטאָר.

די דאָזיקע מיינונג איז זייער אַ קורצזיכטיקע און שוין דערמיט אַליין, אַ שעדלעכע. זאָל מען זיך געבן די מי צו דערמאָנען די אַטמאָספער פון 1943, דאָס דאָזיקע שרעקלעכע יאָר, וואָס האָט גורם געווען די געבורט פונם ה. יי. ד. צ., בשעת דער פולסטער אונטערערדישער באַוועגונג און דאָס — אונטער דער סאַמע נאָז פון די אָקופּאַנטן. צי איז דאָס בלויז דערפאַר, כדי צוליב צו טון די „ביבליאָטעק-נישטערער", וואָס עטלעכע מענטשן — וועלכע האָבן, אַגב, נישט געהערט צו אָט דעם מין — האָבן באַשלאָסן אונטערצונעמען אַזאַ באַזונדערס-דרייסטע אויפגאַבע, וועלכע האָט נאָך נישט וויניק פאַרמערט די צאָלרייכע שוידערלעכע געפאַרן, וועלכע האָבן געלויערט אויף זיי פון יעדן ראָג גאַס? אַזוי צו טראַכטן, וואָלט געווען אַן אומזין.

ניין, עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז גאָר אַן אַנדערן ציל האָבן געהאַט די גרינדער פונם ה. יי. ד. צ.: באַלעבט מיטן אומבויגזאַמען גלויבן אין אַן ענטגילטיקן נצחון, האָבן זיי דאָך פאָרויסגעזען, אַז דער קאַמף וועט זיך סתם אַזוי נישט פאַרענדיקן; אַז דער באַזיגטער שונא וועט רופן צו הילף די אַרומיקע מידקייט, דעם דורשט צו פאַרגעסן, די גלייכגילטיקייט; אַז ער וועט זיך אפילו באַנוצן מיט דער אומגלויבלעכער צאָל

פון זיינע אכזריותדיקע פאַרברעכנס, אין זיינע פּרוּוון צו פאַרווישן פון זיי דעם מינדעסטן זכר.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז די גערעכטיקייט וועט, סוף כל סוף, אין איין טאָג, זיגן; מיר האָבן אָבער אויך פאָרויסגעפילט, אַז גלייך נאָכדעם, וועט דייטשלאַנד פאָדערן די רעוויזיע פון זיין פּראָצעס, וועלכער האָט, צו יענער צייט, נאָך נישט געטראָגן אויף זיך דעם נאָמען ג י ר נ ב ע ר ג.

איצט איז דאָס אַ געשעענער פאַקט. דער ה. יי. ד. צ. האָט פאָרויסגעזען ריכטיק. ער האָט געהאַט רעכט במשך פון זעקס יאָר פאַרעקשנטער, אָביעקטיווער און לאָיאַלער טעטיקייט — צו שמידן אַ מעכטיק און ווירקזאַם געווער, וואָס איז איצט גרייט צו דינען דער ג ע ר ע כ ט י ק י י ט און דער פ ר י י ה י י ט.

די אַרכיוון פון אונזער צ ע נ ט ע ר האַלטן אין זיך, אויף אייביק, די בולטע באַווייזן פון די דייטשע פאַרברעכנס אין זייער גאַנצן טייוולאָנישן פאַרנעם און אויך די בולטע פאַקטן פון דער נאַצישער צוגעגרייטער, אויסגערעכנטער און איבערגעלייגטער מעטאָדישקייט פון אָט די פאַרברעכנס.

און זאָלן זיך די סקעפּטיקער באַרואיקן: דער ה. יי. ד. צ. האָט שוין געבראַכט ממשותדיקע און אומשאַצבאַרע נוצן לטובת דער נאָענטער און דער אַקטועלסטער זאַך; אויך אַנדערע נוצן וועלן גלייך נאָכפאָלגן אויף די אַנטשפּרעכנדיקע פאָדערונגען; עס איז נאָך ווייט דער מאָמענט, ווען דער ה. יי. ד. צ. וועט זיך פאַרוואַנדלען אויסשליסלעך אין אַן אַקאַדעמישן אינסטיטוט.

צוגלייך ווי אין מאָמענט פון זיין גרינדונג, זעצט דער ה. יי. ד. צ. פאָר זיין עקזיסטענץ אין דער מיט פון די סאַמע ברענענדיקסטע אַקטועלע געשעענישן, אינם פולן קאַמף, אינם פולן ווידערשטאַנד לגבי די פינצטערע כוחות, וועלכע האָבן, אפשר, געטוישט זייערע מעטאָדן, אָבער נישט זייערע באַהאַלטענע כוונות.

צו דערמאָנען אומדערמידלעך דעם ברייטן פאַרנעם פון די נאַצישע פאַרברעכנס; צו אַנטפּלעקן זייער באַדייטונג לטובת דער עוואָלוציע פון דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן; נאָכצופאָלגן מיט וואַכזאַמקייט די אָדער יענע פאָרצייכנס — ווי אומשולדיק זיי זאָלן נישט אויסזען — אָבער וואָס זיינען דאָך אַן אָנדייטונג אויף נייע פאַרברעכערישע פאָרזעצונגען: דאָס איז די אמתע ראָל פונם היינטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע-צענטער.

קיין שום ייד אָדער נישט-ייד, וועט צו אים נישט קאָנען פאַרבלייבן גלייכגילטיק.

זשוסטען גאַדאַר

כדי נישט צו פאַרגעסן !

דאס ווערק פון „היינטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער"

א) זיין גרינדונג :

דער היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער איז אנטשטאַנען אין דער טיף פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, בעת דעם שטאַרקסטן פעריאָד פון דער נאַציישער אָקופּאַציע; זיין גרינדער איז געווען — אין 1943, אין גרע־נאָבל — זיין איצטיקער פּרעזידענט, ה' יצחק שניאורסאָן. ער איז עס געווען דער ערשטער, וועמען עס איז איינגעפאַלן די אידיי אָנצוהויבן זאַמלען די דאָ־קומענטן, וואָס באַציען זיך אויף די יידן־פאַרפאָלגונגען. צו דעם צוועק, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ גרופּע פון פאָרשער און האָט זיך פאַרזיכערט די באַטיי־ליקונג פון מערערע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דער ווילן, אין אַזעלכע באַדינגונגען, צו זאַמלען די ערשטע אַרכיוון פונם ה. יי. ד. צ. האָט — ווי מ'קאָן זיך עס משער זיין — פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסע ריזיקע. פינף פון זיינע גרינדונגס־מיטגלידער זיינען אומגעקומען אין די נעגל פון דער געסטאַפּאָ: דער גרויס־ראַבינער רענע הירשלער; ריימאָנד ראַול לאַמבערט; לעאָנס בערנהיים; לעאָ גלעזער; נחום הערמאַן.

אָבער די אַרבעט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. אין פאַרבינדונג מיט ווידערשטאַנדס־פּעדעם, איז זי אָן אויפהער פאָרגעזעצט געוואָרן, אפילו אין סאַמע ברען פון די בלוטיקע קאַמפּן, האַרט ערב דער באַפרייאונג.

ב) נאָך דער באַפרייאונג :

אַזוי גיך ווי פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן, האָט זיך דער ה. יי. ד. צ. דאָרט אַריבערגעטראָגן. זיין אַקטיוויטעט האָט דאַן אָנגענומען אַ באַדייטנדיקן שוווּנג.

זיין ערשטער שריט איז געווען צו זאמלען און צו קלאסיפיצירן אלע דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו די געשעענישן אין פראַנקרייך. די דאָזיקע שווערע און לאַנגע זוכענישן זיינען אָפטמאָל באַפּאַרבט געוואָרן מיט דראַמאַטישע אינצידענטן. דער צענטער האָט אונטערזוכט די אַרכיוון פון אינסטיטוט פאַר יידישע פראַגן; פון קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן אין ווישי; פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע און פון דער דייטשער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין פראַנקרייך. עס האָט זיך אים אויך איינגעגעבן צו באַקומען די אַקטן פון דער אַנטיסעמיטישער געסטאַפּאָ. אָט דער הויפּט־אָפּשניט פון דער געשיכטע פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, איז אַ דאַנק דעם צענטער — באַהאַלטן געוואָרן אין אַ זיכער אָרט, גאַראַנטירט קעגן פאַרניכטונג. מיט אָט די ערשטע עלעמענטן, האָט דער צענטער — אויסקלויבנדיק דאָס וויכטיקסטע — אונטערגענומען דאָס פאַרעפנטלעכן פון מערערע ווערק (1). און אים איז עס אויסגעפאַלן דער כבוד צוצושטעלן דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע ביים נירנבערגער טריבונאַל, אַ דאָקומענטאַציע פון דער גרעסטער וויכטיקייט. ה׳ פראַנסוא דע מענטאָן, יוסטיץ־מיניסטער, האָט עס טאַקע דערמאָנט צום לויב, אין די רירנדיקסטע אויסדרוקן (2).

ג) פון פראַנקרייך אויף גאַנץ אייראָפּע:

דאָס אָבער, איז געווען בלויז איין עטאַפּ. מען האָט באַדאַרפט גיין פאָרויס מיט די נאָכפאָרשונגען, זיך פאַרמעסטן אויפן אַנסאַמבל פון די באַהאַלטענע כוונות, אַנכאַפּן דאָס פאַרברעכן דאָרט, וואו עס איז דערגאַנגען צו אַ פּראָפּאָרץ פון שוידערלעכער מאָנסטרואָזיטעט, דאָרט וואו איינשפּאַרונגען און פּייניקונגען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אכזריותדיקע מאַסן־שחיטות. עס איז געווען דרינגענדיק נויטיק צו אינפאָרמירן וועגן דעם גאַנץ אייראָפּע. דער צענטער האָט זיך געשטעלט דעם דאָזיקן ציל און האָט אים פאַרווירקלעכט אויף צוויי אופנים:

אין דער ערשטער ריי, האָט ער פאַרזאַמלט אין פּאַריז אַלע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן געהאַט די זעלבע אידיי און וואָס האָבן זיך געפונען אין אַנדערע לענדער, פאַרנומענע דורך דייטשלאַנד, אָדער אין נייטראַלע לענדער. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, אין דעצעמבער 1947. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט פאָרשטייער פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, פון איטאַליע, פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס צו צענטראַליזירן די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען, וועלכע זיינען דעמאָלט געפירט געוואָרן סעפּאַראַט.

---

1) זע זייט 15 ביז 25.

2) זע צוגאָב 3.

אין דער זעלבער צייט האָט דער צענטער, אַ דאַנק דער מיטהילף, וועלכע ער האָט בייגעטראָגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל — געקאָנט פריי פירן זיינע אַנקעטעס אין דייטשלאַנד גופא, פּראָפּיטירנדיק פון דער אומגעהויער־רייכער דאָקומענטאַציע, וועלכע די יוסטיץ פון די אַלירטע האָט — אַ דאַנק זייער געמיינזאַמער פאַרבינדונג — כסדר צוגעשטעלט אין רשות פונם צענטער.

און, זאָל דאָ אויסגעדריקט ווערן אַ באַזונדערע אַנערקענונג דער גרויסער פאַרשטענדעניש, וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזן לטובת דעם צענטער, דער גענעראַל טאַילאָר, שעף פון אַמעריקאַנער מיליטערישן טריבונאַל.

ד) דער ה. יי. ד. צ. — „דער קערן פון אַ סאָציאַלן פאָרשונגס־אינסטיטוט פאַר דער מאָדערנער וועלט”. (ד. רוסע).

די פאָרשער פונם צענטער האָבן געווידמעט לאַנגע חדשים אויף צו פאַרטיפן זיך אין די דיקע אַקטן־פּעק פון נירנבערג. און דאַן האָבן זיי בהדרגהדיק זיך געקאָנט אָפּגעבן אַ חשבון פון דער ברייטקייט פונם פאָרשונגס־שטח, וואָס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט, ווי אויך פון דער ראָל, וועלכע איז דעם צענטער אויסגעפאַלן צו שפּילן. עס איז נישט פאַרהאַן קיין איינציקע אַדמיניסטראַציע, אָדער מיניסטעריום, וועמענס אַרכיוון זיינען נישט אונטערזוכט געוואָרן דורכן צענטער. די פאַרצווייגונגען, די אַנאַלאָגיעס, די קאָנסעקווענצן, זיינען כסדר, אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן. די אַרכיוויסטן פונם צענטער זיינען פּראַקטיש דערפירט געוואָרן צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַרכיוויסטן פונם קאַטאַקליזם 1939—1945, אין זיין פולן באַדייט. און מען האָט געקאָנט אַרויסזען פון אַט דער אויסגעברייטערטער דאָקומענטאַרער אַרבעט, וואָס האָט זיך, אין פלוג, געקאָנט אויסווייזן, ווי אַ גאַנץ באַגרענעצטע — דעם שטעמפּל פונם סאַזונדערס־טראַגישן יידישן גורל. דער צענטער בילדעט איצט מיט זיך, דעם „קערן פון אַן אמתדיקן אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען איבער דער מאָדערנער וועלט”.

ה) דער ה. יי. ד. צ. און די עפנטלעכע מיינונג

די דאָזיקע פאַרצווייגטקייט, וועלכע דער ה. יי. ד. צ. האָט — אַ דאַנק זיין אַקטיוויטעט — זיך דערוואָרבן, ווי אויך, דער אָפּקלאַנג זיינער אין אַלע ריכטונגען, האָבן געמוזט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יענע פראַנצויזישע קרייזן, וועלכע שטייען פעסט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די דעמאָקראַטישע אידייען. דאַוויד רוסע, איינער פון די גייסטיקע פירער פון דער יונגער פראַנצויזישער גענעראַציע, איינער פון די, וועלכע ווידמען זיך, מיט דער גרעסטער מאָס פאַרטיפטקייט און אויסדריקלעכקייט — אַרויסצושיילן די לערע פון די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן דורכן נאַצישן טאָטאַליטאַריזם — האָט זיך ליידנשאַפטלעך פאַראינטערעסירט מיט די אַרכיוון

פון ה. יי. ד. צ.; ער האָט זיי באַקאַנט געמאַכט פאַר דער אינטעלעקטועלער עליטע; ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע פון אָט די דאָקומענטן אין „פיגאַראָ ליטערער". מען האָט נאָכגעטון זיין ביישפּיל. איצט ווענדן זיך מערערע טאָג־צייטונגען, וואָכנ־זשורנאַלן, צייטשריפטן אין פּאַריז און אין דער פּראָווינץ, צו די קוועלן, פון וועלכע זיי קענען שעפּן, ביים ה. יי. ד. צ.

ו) דער ה. יי. ד. צ. און די גרויסע ווּיסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס

אָט דאָס זוכן, טריט ביי טריט, אָט דאָס בהדרגהדיקע פּראָגרעסירן, האָבן דערפירט דעם ה. יי. ד. צ. אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט מערערע פראַנצויזישע אינסטיטוטן און מיט גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פון נאָך דער מלחמה־צייט.

די היסטאָרישע קאָמיסיע, וועלכע איז געבילדעט געוואָרן ביי דער רעגירונג, האָט איינגעלאַדן דעם ה. יי. ד. צ. זיך צו באַטייליקן אין דער אויסשטעלונג, געווידמעט דער רעזיסטאַנס, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין פּאַריז אין זומער 1949.

דער אונעסקאָ האָט געבעטן ביים ה. יי. ד. צ., אין 1948 — דעם פאָרשונגס־פּלאַן איבער דעם „מצב פון געשפּאַנטקייט צווישן די מלוכות".

אין 1949, איז דער ה. יי. ד. צ. אויסגעוויילט געוואָרן צווישן די יידישע אינ־סטיטוציעס, דורכן אינטערנאַציאָנאַלן ראַט פון פילאָזאָפיע און הומאַנישע וויסנ־שאַפטן ביים אונעסקאָ, אנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ פון עקספּערטן, וועלכע זיינען באַאויפטראַגט געווען אויסצואַרבעטן אַ פאָרשונגס־פּלאַן איבער די פאַר־צייכנס פון די פאַשיסטישע באַוועגונגען און די מעטאָדן פון קאַמף קעגן זיי.

אויף דער ווענדונג פון ה' ראַפאַעל לעמקין, פּראָפעסאָר אין יאַלע'ר אוּ־ניווערזיטעט (פאַר. שטאַטן), איניציאַטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענץ קעגן „גענאָסיד" (גרופּן־אויסוואָרצלונג), האָט דער ה. יי. ד. צ. צונויפגעשטעלט מע־רערע אַקטן־זאַמלונגען, וואָס באַציען זיך צו אָט דעם פּראָבלעם און וואָס געפי־נען זיך איצט אינם באַזיץ פון דער דערמאָנטער אוניווערזיטעט.

ז) דער ה. יי. ד. צ. — צו הילף דער גערעכטיקייט

די דאָקומענטאַציע פונם ה. יי. ד. צ. האָט, ווי מיר האָבן עס געזען, שטאַרק צוגעהאָלפן אין די פאַרפאָלגונגען קעגן די קריגס־פאַרברעכער. די ספּע־ציעלע קאַרטאָטעקע פון ה. יי. ד. צ. אַנטהאַלט איבער 5000 נעמען פון דייטשע קריגס־פאַרברעכער און איבער 3000 נעמען פון זייערע קאָלאַבאָראַטאָרן אין איראָפּע.

זינט דעם נירנבערגער פּראָצעס, ווענדעט זיך די פראַנצויזישע יוסטיץ זיי־

ער אָפּט, ביי יעדער געלעגנהייט, צו די אַרכיוון פון ה. יי. ד. צ. (זען צוגאָבן 2 און 3).

אַזוי שטעלט זיך פאַר — אין די הויפּט־ליניעס — די אַנטוויקלונג פונם ווערק ביים ה. יי. ד. צ., אַזעלכע איז די השפעה, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן. עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז ער דינט ווי אַ מעכטיקער פאַקטאָר צו באַקעמפן דאָס אויפוואַכן פונם נאַציזם. ער האָט אין זיין האַנט דאָס בעסטע געווער צו פאַרטיידיקן דאָס יידנטום און די בעסטע אַרגומענטן, די זיכערסטע גבית־עדותן, וועלכע שאַפן די דערנענטערונג צווישן יידן און נישט־יידן. אַזוי אַרום איז ער געבליבן געטריי זיין אַנטשטייאונג. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנס און ער האָט זיך אינספּירירט מיט אירע נאָבעלע אידעאַלן, מיט איר זאָרג פאַר גערעכטיקייט, מיט איר ווילן צו קאַמף, בכדי צו פאַרייניקן דאָס יידישע פּראָבלעם מיטן ווידערשטאַנדס־פּראָבלעם, אין נאָמען פון די מענטשלעכע רעכט.

אָט איז אין עטלעכע קורצע פאַרצייכענונגען, דער סך־הכל איבער דער אַק־טיוויטעט פונם ה. יי. ד. צ.:

1) אַרכיוון

די אַרכיוון ביים ה. יי. ד. צ. ציילן איצט איבער 70.000 דאָקומענטן, וועלכע שטאַמען פון פאַרשידענע קוועלן.

לאָמיר, אין דער ערשטער ריי, דערמאָנען די דאָקומענטאַציע, וואָס באַציט זיך צו פראַנקרייך. דער דערמאָנטער קוואַל פאָרמט צוויי גרופּן, וועלכע אונטער־שיידן זיך, לויט זייער אָפּשטאַם: פראַנצויזישע (פון ווישי) און דייטשע. די דייטשע אַנטהאַלטן:

א) אַנטי־יידישע געסטאַפּאָ;
ב) רייכס־אַמבאַסאַדע;
ג) גענעראַל־שטאַב פון מיליטערישער קאָמענדאַנטור אין פראַנקרייך (וועמענס עקאָנאָמישע סעקציע האָט אָנגעפירט מיטן אָפּנעמען ביי די יידן דאָס פאַרמעגן אין דער אָקופּירטער זאָנע).

צווישן די דאָקומענטן פון דייטשן אָפּשטאַם געפינען זיך — אַ חוץ אַ גרויסער צאָל באַפעלן, פאַראָרדנונגען, אינסטרוקציעס, אָפענע און געהיימע — אויך די אָריגינעלע ליסטעס פון די יידן־טראַנספּאָרטן צו די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

די פראַנצויזישע גרופּע דאָקומענטן אַנטהאַלט הויפּטזעכלעך:

א) דירעקציע פונם אַרמיסטיס־אַמט;
ב) גענעראַל־דעלעגאַציע פאַר די אָקופּירטע טעריטאָריעס;
ג) גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן;
ד) פאָרשונגס־אינסטיטוט פאַר יידישע פראַגן.

דער אַנסאַמבל פון אַט דער באַדייטנדיקער דאָקומענטאַציע, דערמעגלעכט ווידעראויפצושטעלן סיי דעם מעכאַניזם גופא פון דער אַנטי־יידישער אַקציע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן אין פראַנקרייך, סיי די ווירקונגען פון אָט דער אַקציע אויף דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון די ווישי־קרייזן און דעם ווידערשטאַנד פון די ברייטע שיכטן פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. צו דער דאָזיקער דאָקומענטאַציע, וועלכע איז געזאַמלט געוואָרן דורכן צענטער, מיט דער געהעריקער פאַרשטענדעניש און מיטהילף פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, דאַרף מען אויך צורעכענען די, וועלכע באַציט זיך צו דער באַדייטנדיקער אונטערערדישער אַרבעט, וואָס איז, במשך פון דער אָקופּאַציע, אַדורכגעפירט געוואָרן אין די יידישע אָרגאַניזאַציעס:

אַזוי אַרום, נעמען אַריין טויזנטער אַקטן, וועלכע זיינען קאָנסערווירט און אַדורכגעשטודירט געוואָרן דורכן ה. יי. ד. צ. — אין זייער אומפאַנג, דאָס לעבן



אַ ווינקל פון אַרכיוו

און די מאַרטירערשאַפט פונם ייד אין פראַנקרייך אונטער דער היטלער־דאָמינאַציע.

וואָס שייך די דאָקומענטן וועגן אייראָפּע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, קומען זיי פון די פאָלגנדיקע הויפּט־קוואַלן:

א) צענטראַלער אַמט פאַר דער זיכערקייט פון רייך (רייכסזיכערהייטס־האופּטאַמט, געוויינלעך אָנגערופן געסטאַפּאָ).

ב) מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע ענינים פון רייך;

ג) צענטראַלער עקאָנאָמישער ס. ס.־אַמט (ס. ס.־ווירטשאַפטס־האופּטאַמט);

ד) אַמט פאַר ראַסע און קאָלאָניזאַציע (ראַססען־אונד־זיעדלונגס־האופּטאַמט ס. ס.)

ה) פּערזענלעכע אַרכיוון פון אַלפרעד ראָזענבערג.

צו אַט דער דאָקומענטאַציע פון אַ גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט, דאַרף מען צוגעבן דעם באַדייטנדיקן ביישטייער פון פאַרשידענע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פריער דערמאָנטער קאָנפּע־רענץ. אויף אַזאַ אופן, איז דער ה. יי. ד. צ. אימשטאַנד איינצושליסן אינם פעלד פון זיינע פאָרשונגען, אויך דאָס פונקציאָנירן פון נאַצי־רעזשים און דעם אַנ־סאַמבל פון זיין פאַרברעכערישער אַקטיוויטעט אומעטום, ווו ס'האָט נאָר גע־הערשט די „נייע אָרדנונג".

כדי צוטריטלעך צו מאַכן פאַר פאָרשער די דאָזיקע מאַסן־דאָקומענטן, ווערט איינגעפירט אַ קאַרטאָטעקע, לויט אַ נייעסטן סיסטעם און זי איז שוין אין גאַנג רעאַליזירט צו ווערן. זי אַנטהאַלט איבער 125.000 צעטלען.

2) פילמאָטעקע און דיסקאָטעקע

אויסער די זאַמלונגען פון די געשריבענע דאָקומענטן, קאָנסערווירן אויך די אַרכיוון פון ה. יי. ד. צ. דאָקומענטאַרע פילמען פון פאַרשידענער אָפּשטאַ־מונג, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די מלחמה־געפאַנגענע — אַן איבערבלייבעכץ פון די דייטשע אכזריותן, א. א. וו.; די דאָ־זיקע פילם־סטענגעס זיינען פון אַ גרויסער זעלטנקייט — אַ גרויסער טייל פון זיי איז דעמאָנסטרירט געוואָרן בעתן נירנבערגער פּראָצעס.

אַ ווערטפולע קאָלעקציע פון דיסקן, אויף וועלכע עס זיינען איינרעגיסט־רירט די רעדעס פון די נאַצישע הויפט־שעפן און זייערע דערקלערונגען אויפן נירנבערגער פּראָצעס, געפינט זיך אויך אין באַזיץ פון ה. יי. ד. צ.; אַ גרויסע צאָל פאָטאָגראַפיעס, צום גרעסטן טייל, אויפגעכאַפּטע דורך די נאַצים גופא, אין גאַנג פון זייערע „אַקציעס" אין אוממענטשלעכסטן זין פון וואָרט — קאָמפּלע־טירן די דאָזיקע סעקציע פון די ה. יי. ד. צ.־אַרכיוון.

3) עקאָנאָמישע סעקציע

דער ה. יי. ד. צ. האָט באַוויזן צונויפצושטעלן אַ פולן דאָקומענטן־קאָמפּ־לעט וועגן די קאָמערציעלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען „אַריאַניזירט" געוואָרן אונטער דער אָקופּאַציע. ער אַנטהאַלט איבער 75.000 צעטלען.

די דאָזיקע צײלונג, וואָס איז לעצטנס פאַרענדיקט געוואָרן דורכן ה. יי. ד. צ. איז געווען דער אָנהויב פון די דעמאַרשן, וואָס האָבן דערגרייכט דאָס איבער־געבן דורך דער פראַנצויזישער מאַכט, די יורשלאָזע (וועמענס אייגנטימער זײַנען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע, נישט איבערלאָזנדיק קיין נאָכפאָלגער) יידישע פאַרמעגנס, דער יידישער געמיינדע, אָדער אַן אָרגאַניזם, ספּעציעל גע־שאַפן צו דעם צוועק.

4) ביבליאָטעק

דער ה. יי. ד. צ. באַזיצט אַ ביבליאָטעק, וועלכע איז נאָך גאַנץ באַשיידן, לויט דער צאָל פון די בענדער, (נישט אַריבערשטייגנדיק קיין 2000) אָבער זי באַשטייט, הויפּטזאַכלעך פון זעלטענע ווערק, וואָס דאַטירן פון דער היטלער־עפּאָכע און, וואָס זײַנען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון אומגאַנג דורך זייערע פאַר־לעגער, גלייך נאָך דער באַפרייאונג. די דאָזיקע ביבליאָטעק האַלט זיך אין איין באַרייכערן דורך צוקויפן, מתנות און איינטוישונגען. זי גרייכט אין דער פאַר־גאַנגענהייט ביז צו דער דרייפוס־אַפערע און אַנטהאַלט פּובליקאַציעס אין פראַנ־צויזיש, דייטש, ענגליש, יידיש, העברעאיש, רוסיש, פּויליש, טשעכיש, בולגאַ־ריש, רומעניש, אונגאַריש, נעאָ־גריכיש, האָלענדיש, שוועדיש, שפּאַניש. בערך 50 פּעריאָדישע אויסגאַבן אין מערערע שפּראַכן, באַרייכערן די דאָזיקע באַזע.

5) פאָטאָגראַפישע לאַבאָראַטאָריע

אין לאָקאַל פון ה. יי. ד. צ. פונקציאָנירט אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר מיקראָ־פילמען און פאָטאָגראַפיעס. אַזוי אַרום קומט אָן זייער לייכט דאָס אויסטויש און איבערגעבן די דאָקומענטן. אַלע אַרכיוו־דאָקומענטן פון ה. יי. ד. צ., אָן אויסנאַם, זײַנען מיקראָפילמירט און די מיקראָפילמען זײַנען באַהאַלטן אין אייזערנע קאַסטנס, בכדי זיי צו באַשיצן פון פאַרלירן אָדער גנבה.

6) ווערק, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן צענטער

א) יורידישע סעריע

1) קורצער איבערזיכט איבער דער איצטיקער יורידישער סיטואַציע פון די יידן. פון ר. ס אַ ר אָ ט און י. ר אַ ב י נ אָ ו י ט ש.

דאָס דאָזיקע ווערק אַנטהאַלט די טעקסטן, וואָס זײַנען קאָמענטירט דורך אַלע געזעצגעבערישע באַשטימונגען, וועגן דעם צוריקאַרײַנ־גלידערן די יידן אין זייערע ציווילע רעכט און אָפּגעבן זיי זייער־ע פאַרמעגנס.



אַ ווינקל פון דער ביבליאָטעק



אַ ווינקל פון דער פאָטאָגראַפישער לאַבאָראַטאָריע

2) **די יידן אונטער דער אָקופּאַציע.** זאַמלונג פון פראַנצויזישע און דייטשע טעקסטן (1940—1944) מיט איינלייטונגען פון די אַדוואָקאַטן ר. ס אַ ר אַ ט און פּ. ט אַ ג ע ר, פון פּאַריזער טריבונאַל.

דאָס זיינען, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, אַלע לעגיסלאַטיווע טעקסטן, וואָס זיינען געווענדעט קעגן יידן — פון דייטשע און פראַנצויזישע קוועלן.

3) **די באַדינגונגען פון די יידן אין פראַנקרייך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע** (1940—1944).**די ראַסיסטישע געזעצגעבונג.** דורך אַדוואָקאַט ל ו ב ע צ ק י, פון פּאַריזער טריבונאַל, מיט אַ הקדמה פון ז ש ו ס ט ע ן ג אַ ד אַר, געוועזענער מיניסטער.

דער מחבר מאַכט אַן איבערבליק איבערן לעגיסלאַטיוון סיסטעם, וועלכער איז אָנגעווענדט געוואָרן קעגן די יידן דורך דער דייטשער רעגירונג און דער ווישי־מאַכט. ער שטעלט זיך אָפּ אויפן שורש פון אָט דער געזעצגעבונג, וועלכע איז באַזירט אויף ראַסן־דיסקרימינאַציע. ער אַנאַליזירט באַזונדער די דייטשע און פראַנצויזישע

טעקסטן, וועלכע האָבן אַלע איין ציל: דאָס גענצלעכע אויסטיילן די יידן פון עפנטלעכן, פּראָפעסיאָנעלן, עקאָנאָמישן און קולטור־רעלן לעבן, אינם אָקופּירטן פראַנקרייך.

ב) סעריע „פאַרשונגען און מאָנאָגראַפיעס"

1) די פרעסע, די פּראָפּאַגאַנדע און די עפנטלעכע מיינונג אונטער דער אָקופּאַציע — דורך י. פּ אל א נ ס ק י.

פון דעם דאָזיקן בוך באַקומט מען אַ פולשטענדיק בילד פון די מעטאָדן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן זיך באַנוצט אויף איינצור־וואָרצלען דעם אַנטיסעמיטישן סם אין דער פרעסע, ראַדיאָ, קינאָ, בילדונגס־וועזן אין אָקופּירטן פראַנקרייך. דער מחבר באַווייזט דעם דורכפאַל פון די דאָזיקע מעטאָדן און ווי אַזוי, אין קעגנטייל, זיי האָבן גאָר סטימולירט דעם גייסט פון ווידערשטאַנד. צאָלרייכע אילוסטראַציעס.

2) די געלע לאַטע. פון מ. פּ א ל י א ק א װ, מיט אַ הקדמה פון ז ש ו ס ט ע ן ג א ד א ר, געוועזענער מיניסטער.

דער מחבר מאַכט אַ רעטראָספּעקטיוון איבערבליק איבער דער געשיכטע, במשך פון דורות, פונם מגן־דוד אַלס אָפּצייכן, און אַנאַליזירט זיין סימבאָלישע באַדייטונג. ער דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אין פראַנקרייך און, וועלכע רעאַקציע די געלע לאַטע האָט אַרויסגערופן צווישן דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג

דער מחבר ציטירט צאָלרייכע, נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן, דייטשע און פראַנצויזישע.

3) ביישטייער צו דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך (1940—1944) פון ד א װ י ד ק נ ו ט, מיט אַ פאָרוואָרט פון ל ו א י ס אַ י אַ ן, פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנדס־קאָמיטעט.

דער פּאָעט דאַוויד קנוט, איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער רעזיסטאַנס־באַוועגונג, שילדערט צום ערשט די לאַגע פון יידישן לעבן אין פראַנקרייך, פ אַ ר דעם יאָר 1939. נאָכדעם צייכנט ער אַ שטאַרק בילד פונם צוזאַמענברוך, פון עקזאָד, פון די יידישע ליידן אין ביידע זאָנעס.

דער צווייטער טייל איז געווידמעט דער אַנטשטייאונג און

אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג; איר מאָראַלישן כוח, סאָציאַלער אָרגאַניזירונג און באַוואָפנטן קאַמף. דער פּאָעט דריקט אויס זיין וויברירנדיקע אנערקענונג די העלדן פון דעם דאָזיקן לאַנגן אומגלייכן, קאַמף. דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט.

4) די אַקטיוויטעט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס בעת דער אָקופּאַציע.

דאָס איז די געשיכטע פון דער וואונדערבאַרער טעטיקייט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין פראַנקרייך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, מצד אַזעלכע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַמעריקאַנער דזשאָינט, צענטראַלע קאָנסיסטאָריע פון די יידן אין פראַנקרייך, פעדעראַציע פון יידישע סאָסיעטעס אין פראַנקרייך, קאָמיטעט פון די אַמלאָ, יידישע סקויטן־אָרגאַניזאַציע, ה. י. צ. ע. ם., אָ. ר. ט., א. ז. ע., ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס א. אַנד...

אַ היסטאָרישע שילדערונג וועגן פאַרבאַנד פון די יידן אין פראַנקרייך (אוזשיף), וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין ווישי, לויט דער אָנרעגונג פון די דייטשן, פאַרענדיקט דאָס ווערק, וועלכעס איז פאַרזען מיט אילוסטראַציעס.

5) בייטראַג צו דער געשיכטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דעם פּיינטלעכן פראַנקרייך פון ד״ר י ו ס ף ו ו יי ל.

אַ שטרענג־אָביעקטיווער גבית־עדות, פעסט געשטיצט אויף אַ צאָל־רייכער דאָקומענטאַציע. דער מחבר דערציילט נישט בלויז וועגן די ליידן פון די אינטערנירטע אין די לאַגערן און וועגן דער אומ־מענטשלעכער באַציאונג מצד דער ווישי־רעגירונג, נאָר אויך וועגן דער הילף, וואָס איז מוטיק געגעבן געוואָרן אָט די אומגליקלעכע מצד איינצלנע פערזאָנען, מצד גרופּן, מצד אָרגאַניזאַציעס פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, וועלטלעכע, סאָציאַלע אָדער פילאַנטראָפּי־שע, יידישע און נישט־יידישע. דאָס דאָזיקע ווערק איז, פונקט ווי די אַנדערע, — אילוסטרירט.

6) פון דראַנסי ביז אוישוויץ פון ז ש א ר ז ש ו ע ל ע ר ס.

אין זיין אַריינפיר־וואָרט שרייבט דער פרעזידענט פון ה. יי. ד. צ., ה׳ י. שניאורסאָן : „ה׳ וועלערס טיילט איין זיין פאָרשונג אין צוויי טיילן: דער ערשטער איז אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק, און אַ זייער גענויער, וועגן דראַנסי־לאַגער, פון דער צייט פון זיין גרינ־

דונג, דעם 20־טן אויגוסט 1941, ביז זיין ליקווידירונג, דעם 17־טן אויגוסט 1944. דער צווייטער טייל נעמט אריין מערערע מאָנאָגראַפיעס, וואָס זיינען געווידמעט די דעפּאָרטירטע, וועלכע דער מחבר האָט געהאַט די געלעגנהייט נענטער צו קענען. דער מחבר שילדערט די נאַצישע קאַטאָרגעס, וואו ער אַליין איז שפּעטער געווען: אוישוויץ און בוכענוואַלד".

7) **די יידן אין אייראָפּע (1939—1945)** — באַריכטן, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער **ערשטער אייראָפּעאישער קאָנפערענץ פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס און יידישע דאָקומענטאַציע־צענטערס.**

עס ווערט אַרומגענומען אין דעם דאָזיקן ווערק, דער אַנסאַמבל פון דער סיטואַציע פון יידן אין די לענדער, וואָס זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן צו דער „אַקס", במשך פון דער מלחמה און נאָך דער באַפרייאונג; מען זעט אויך דערין די אָנשטרענגונגען מצד די יידן אין די אַלירטע און נייטראַלע לענדער לטובת זייערע גערודפטע ברידער. דער גרעסטער טייל פון אָט די באַריכטן, שטאַמען פון עדות, וועלכע האָבן דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן. אַ געוויסע צאָל באַריכטן באַהאַנדלען פראַגן פון היסטאָרישער מעטאָדאָלאָגיע, צוליב אַן עווענטועלער צוזאַמענגלייכונג פון דער גאַנצער דאָקומענטאַציע, וואָס באַציט זיך צו דער טראַגעדיע פון די יידן אין אייראָפּע.

8) **יידן אין קאַמף** — דאָס איז אַ פּערזענלעכע שילדערונג פון איינעם פון די אָנפירער פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, ז ש אַ ק ל אַ ז אַ ־ ר ו ס (ק אַ פּ י ט אַ ן ז ש אַ ק ע ל), וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער פּאַריזער גרופּע פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַריינפירוואָרט פון ה אַ נ ר י ה ע ר ץ.

געשריבן אין אַ פּשוטן און דירעקטן סטיל, שילדערט דאָס בוך דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון אַ רעזיסטאַנץ־נעץ און, גלייכצייטיק, צאָלרייכע קאַמפּס־עפּיזאָדן, וועלכע דער קאַפּיטאַן זשאַקעל האָט געפירט זייט־ביי־זייט מיט זיינע חברים, פון וועלכע אַ גרויסע צאָל, באַרימטע אין דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, זיינען געפאַלן, אַלס קרבנות פון מסירה.

ג) סעריע: „דאָקומענטן״

1) דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ; געזען און דערציילט דורך די דייטשן — מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון ד א ו י ד ק נ ו ט.

דאָ קען מען לייענען אַלע קאָמוניקאַטן, אין וועלכע דער גענעראַל פון די ס. ס. סטראָאפּ, דערציילט וועגן אַלע פאַזן פון דעם אומ־גלייכן קאַמף, וואָס האָט געדויערט מערערע חדשים און וועלכן די דייטשע ווערמאַכט האָט געהאַט אויסצוהאַלטן קעגן די העראָי־שע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ, אין פּרילינג 1943.

2) די פאַרפאָלגונגען פון די יידן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע מערב־לענדער, צוגעשטעלט דורך פראַנקרייך אין נירנבערג.

זאַמלונג פון פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן אונטער דער אָנפירונג פון האַנרי מאָנערע, סובסטיטוט ביים אינטערנאַציאָנאַלן מיליטע־רישן טריבונאַל. אַריינפיר־וואָרט פון רענע קאַסען, וויצע־פּרעזי־דענט פון רעגירונגס־ראַט. איינלייטונג פון עדגאַר פאָר, גענעראַל־פּראָקוראָר ביים מיליטערישן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל.

דער ערשטער טייל פון אָט דעם דיקן בוך, רעפּראָדוצירט די באַ־שולדיקונגען מצד די ה״ה פ. דע מענטאָן און עדגאַר פאָר, קעגן דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער דאָקטרין און קעגן די פאַרשידענע פאַזן פון די יידן־פאַרפאָלגונגען אין פראַנקרייך.

אין צווייטן טייל זיינען גרופּירט 79 אומפאַרעפנטלעכטע דאָקו־מענטן, די פולע געשיכטע פון די רדיפות אין פראַנקרייך, אַזוי ווי די דייטשן האָבן זיי צוגעגרייט, באַפוילן און אַדורכגעפירט. נאָך די דאָזיקע דאָקומענטן פאָלגן נאָך אָפיציעלע באַריכטן וועגן די פאַרפאָלגונגען אין בעלגיע, האָלאַנד, לוקסעמבורג, נאָרוועגיע און דענעמאַרק.

דריטער טייל : די וויכטיקסטע אויסצוגן פון די אויספאָרשונגען — ריבענטראָפּ, ראָזענבערג, קנאָכען און סעיס־אינקאַרט פאַרן נירנ־בערגער טריבונאַל..

פערטער טייל : הויפּט־אויסצוגן פון די באַשולדיקונגס־רעדעס מצד די ה״ה שאַרל דיבאָסט און שאַמפּעטיער דע ריב. דער פולער טעקסט פון נירנבערגער אורטייל, פאַרענדיקט דעם באַנד, וועלכער איז אי־לוסטרירט מיט פאָטאָקאָפּיעס.

3) די רדיפות איבער די יידן אין די מזרח־לענדער, פאַרגעשטעלט אין נירנבערג.

המשך פון פריערדיקן בוך, וועלכעס איז געווידמעט די מערב־לענדער און, צוגלייך מיט יענעם, איז עס אויך צוזאַמענגעשטעלט אונטער דער רעדאַקציע פון ה׳ דאָקטאָר יורים האנרי מאָנערעי, גענוועז. פּראָקוראָר ביים אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל; פאָרוואָרט פון גענעראַל טעלפאָרד טאַילאָר, פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער טריבונאַל פאַר מלחמה־פאַרברעכנס, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון רענע קאַסען, וויצע־פּרעזידענט פון רעגירונגס־ראַט. דאָס ווערק גיט אַ פולקאָם בילד און איז דאָס איינציקע, וואָס איז, ביז היינט צו טאָג, פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די רדיפות אין פּוילן, ליטע, באַלטישע לענדער, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד.

דערין באַקענען מיר זיך מיט דעם שוידערלעכן אויסגאַנג פון די מיליאָנען יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען טויזנטער דעפּאָרטירטע פון מערב־אייראָפּע.

דאָס ווערק איז אילוסטרירט מיט אַ גרויסער צאָל פאָטאָגראַפיעס און פאַקסימילעס.

4) דער דייטשער רויב פון די קונסט־ווערק און ביבליאָטעקן פון יידישער אָנגעהעריקייט אין פראַנקרייך.

זאַמלונג פון דאָקומענטן, פאַרעפנטלעכט אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ זשאַן קאַסו, הויפּט־קאָנסערוואַטאָר פון נאַציאָנאַלן מוזיי פון דער מאָדערנער קונסט. מיט אַן אַריינפיר איבער דער „עסטעטישער דאָקטרין פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם״ פון זשאַק סאַביל.

דאָס דאָזיקע ווערק אַנטהאַלט 57 דייטשע און ווישי־דאָקומענטן, געקליבענע און קאָמענטירטע. מען זעט פון זיי אַרויס, מיט וועלכער האַרטקייט און ביטערקייט, פאַרשידענע גרופּן, אונטערגעשיקטע שליחים, האָבן זיך, ווי רויב־פייגל, אַ לאָז געטון אויף די ווערטפולע יידישע קאָלעקציעס און ביבליאָטעקן און האָבן זיך געריסן איבער זיי.

דער אַריינפיר איבער דער עסטעטישער דאָקטרין פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, איז די איינציקע, ביז היינט דערשינענע, אַרבעט פון דעם מין. דאָס ווערק איז רייך אילוסטרירט מיט רעפּראָדוקציעס פון קונסט־ווערק און פאַקסימילעס.



אַן אָפּיציעלע נאַצישע קאַרטע פון דער יידישער אויסראָטונג אין די באַלטישע געגנטן. אין דער זייט פון דער קרבנות־צאָל האָט דער מחבר אויסגעמאָלט אַן ארון, צוליב קלאָרקייטס־טעמים. (צאָלן פון דעצ. 41 — יאַנואַר 42)

5) די לאַגע פון די יידן אין פראַנקרייך אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע פון ל ע א ן פ א ל י א ק א וו, מיט אַ פאָרוואָרט פון ז ש ו ס ט ע ן ג א ד א ר, געוועזענער מיניסטער.

באַנוצנדיק זיך מיט אַ גרויסער צאָל נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן, באַלייכט דער מחבר די מאָמענטן פון פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד, מיט וועלכן די איטאַליענישע מאַכט אין פראַנק־רייך, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט די דייטשע אַנטיסעמיטישע מאָס־מיטלען.

אין דער זעלבער צייט, באַווייזט ער, וועלכע שטעלונג ווישי האָט אָנגענומען קעגן דער האַלטונג פון די איטאַליענער, זוכנדיק אַנט־קעגנצווווירקן זייערע פּלענער, אַלס אמתע שותפים צו דער דייט־שער באַרבאַריי.

ד) די העפטן פון ה. יי. ד. צ.

דאָס זיינען קורצע, קאָמענטירטע דאָקומענטן־זאַמלונגען, וואָס שטייגן נישט אַריבער פון 80 ביז 100 זייטן יעדע, און וואָס זיינען אַ בייטראָג צו די שטודיען איבער אַ באַשטימטער טעמע.

דער ערשטער פון די דאָזיקע העפטן הייסט: דייטשלאַנד און דער גענאָסיד" (דייטשע פּלענער און רעאַליזירונגען). זיין מחבר, ה' י. ב י ל י ג, איז דער ביוראָ־דירעקטאָר פון ה. יי. ד. צ. ביים אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירנ־בערג; ער אַנטהאַלט אַ פאָרוואָרט פון פראַנסואַ ד ע ־ מ ע נ ט א ן, געוועזע־נער יוסטיץ־מיניסטער און שעף פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע אין נירנ־בערג.

געווידמעט דער וויכטיקער פראַגע פון גענאָסיד (אַן אויסדרוק, וואָס איז לעצטנס אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט), גיט דער העפט נר. 1 פון ה. יי. ד. צ. אַ באַלייכטונג איבער די ברייטע פּלענער פון דער נאַצישער איבערשמעלצונג פון דער וועלט, וואָס די נאַצים האָבן פאַרטראַכט און וואָס האָבן געזאָלט רעאַליזירט ווערן, אַ דאַנק דער אויסראָטונג פון גאַנצע עט־נישע גרופּן. די יידן זיינען בלויז געווען די ערשטע קרבנות פון אָט די פּלענער; אויך פּאַר אַנדערע פעלקער איז באַשטימט געווען דער זעלבער גורל.

ה) אויסער דער סעריע

„דער פּאַיאַץ לאַכט נישט" פון ד א וו י ד ר ו ס ע, פאַרעפנטלעכט מיט דער פאַרייניקונג פון דעם פאַרלאַג ל ע פ א וו ו אַ.

פאַרזען מיט לעבעדיקע קאָמענטאַרן מצד דעם מחבר פונם באַרימטן ווערק: „דער קאָנצענטראַציע־אוניווערס", איז עס אַ סעריע פון אויטענטישע דאָקומענטן,

וועלכע באַווייזן די גאַנצע שוידערלעכע לעכערלעכקייט פונם היטלעריזם מיט זיי־
נע פראַנצויזישע קנעכט. אין אַ לאַנד, וואו „די לעכערלעכקייט דערהרגט" — קאָן
דאָס דאָזיקע ווערק דינען פאַר אַ ווירקזאַם געווער קעגן אַלע איצטיקע איבער־
בלייבעכצן פונם נאַציזם.

ו) „לע מאנד זשואיף" („די יידישע וועלט")

חודש־זשורנאַל פון ה. יי. ד. צ.

אַ חוץ די אָנגעוויזענע ביכער־סעריעס, דערשיינט ביים ה. יי. ד. צ., זינט
1946 — אַ חודשלעכער זשורנאַל , לע מאָנד זשואיף".

דער דאָזיקער זשורנאַל איז, אין דער ערשטער ריי, באַשטימט, אויף צו
באַקענען די עפנטלעכקייט מיט דער רייכער דאָקומענטאַציע פון ה. יי. ד. צ.;
אין יעדן פון זיינע נומערן, פאַרעפנטלעכט דער זשורנאַל קאָמענטירטע סעריעס
פון נאָך נישט דערשינענע דאָקומענטן, וועלכע שטאַמען פון די צענטער־
אַרכיון. די צייטשריפט בילדעט אַ בריק צווישן דעם ה. יי. ד. צ. און דער עפנט־
לעכקייט, האַלטנדיק די לייענער רעגולער אינפאָרמירט וועגן דעם גאַנג פון זיין
אַקטיוויטעט און, וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן.

אויסער דעם, ברענגט דער „מאנד זשואיף" ברייטע שילדערונגען איבער
דעם קעגנוואַרטיקן יידישן לעבן, אונטער אַלע זיינע אַספעקטן: פּאָליטישע,
סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע. די ווידערגעבורט פון מדינת ישראל, אירע אָנ־
שטרענגונגען, איר ראָל אין דער וועלט, פאַרנעמט אויך זיינע שפּאַלטן אַן אָנגע־
זען אָרט.

די אָנפירונג פונם זשורנאַל, מיט אירע ברייטע און וויטגרייכנדיקע פּערס־
פּעקטיוון, דער שטרענגער אויסוואַל פון די מיטאַרבעטער, די זאָרגפעלטיקע,
געוויסנהאַפטיקע פּרעזענטירונג — שטעלן דעם „מאנד זשואיף" אין די רייען
פון די באַדייטנדיקסטע אָרגאַנען פון דער יידישער פּרעסע אין דער פראַנצויזי־
שער שפּראַך.

אין 1950־51

אין 1950 און 1951 האָט דער ה. יי. ד. צ. די אויפגאַבע פאָרצוזעצן דאָס, וואָס איז נאָך ווייט צו זיין פאַרענדיקט: פאַרמערן זיינע אַרכיוון, פאַרשטאַרקן און פאַרבעסערן זייער פאַרשפּרייטונג אין פראַנקרייך און אין אויסלאַנד.

די פּובליקאַציעס, וועלכע זיינען איצט אין פאַרבאַרייטונג, זיינען פאָלגנדיקע :

א) ג ע ש י כ ט ע

1) דער גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע פראַגן.
2) ד י, וועלכע האָבן געראַטעוועט דעם כבוד (אנערקענונג פאַר אַלע די, וועלכע האָבן אין פראַנקרייך, געהאָלפן די פאַרפאָלגטע יידן).
3) די לאַגע פון די יידן אין אַלזשעריע, בעתן קריג 1939—1944.
4) די לאַגע פון די יידן אין טוניס, אונטער דער ווישי־רעגירונג און דייטשער אָקופּאַציע.

ב) העפטן פון ה. יי. ד. צ.

דאָס וועלן זיין קורצע זאַמלונגען פון דאָקומענטן, וועלכע וועלן אַנטהאַלטן נישט מער, ווי פון 60 ביז 80 זייטן, יעדער העפט. אָן לאַנגע קאָמענטאַרן, וועלן זיי קלאָר מאַכן געוויסע אַספּעקטן פון דער טראַגישער עפּאָכע 1939—1944, וועלכע האָבן דערוועקט און האַלטן כסדר אין איין דערוועקן פאָלגנדיקע ברענענדיקע פּראָבלעמען :

1) די גרופּן־אויסוואָרצלונג פון נישט־יידן.
2) דער נאַציזם און די קירכע.
3) צי האָבן די דייטשן געוואוסט וועגן די יידן־אויסראָטונגען ?
4) די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען וועגן די יידן, בשעת דער מלחמה.

צוגאָב 1

פּרעזידענט
פון דער
רעפּובליק

קאַבינעט-דירעקטאָר
היר. קאַב. 3794

פּאַריז, דעם 17־טן פעברואַר 1948

הער י. שניאַרסאָן
פּרעזידענט פון היינטציטיקן
יידישן דאָקומענטאַציע-צענטער,
פּאַריז.

הער פּרעזידענט,

אייער בריוו, צוזאַמען מיטן בייגעלייגטן בוך און די דאָקומענטן, זיינען ריכטיק אָנגעקומען צום ה׳ פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, וועלכער באַאויפטראַגט מיך אייך וואַרעם צו באַדאַנקען.

איך ציה צו די אויפמערקזאַמקייט פון ה׳ גאַרד דע סטאַ, יוסטיץ־מיניסטער, אויף די פאָטאָגראַפישע דאָקומענטן, וועלכע איך וויז אים איבער מיט דער זעלבער פּאָסט.

באַוויליקט אָנצונעמען, ה׳ פּרעזידענט, די אויסדרוקן פון מיינע זייער רעספּעקטפולע געפילן.

אונטערגעשריבן י. קאָשטשושקאָ-מאַריצעט.

צוגאָב 2

הויכער
געריכטס־טריבונאַל

דער פּרעזידענט פון
הויכן געריכטס-טריבונאַל

פּאַריז, דעם 24-טן יולי 1947

צו ה׳ טשערטאָק
גענעראַל־סעקרעטאַר פון היינטציטיקן
יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער, פּאַריז

הער גענעראַל־סעקרעטאַר,

איך האָב דעם כבוד אייך צו באַשטעטיקן די קבלה פון מערערע בענדער, וועלכע באַהאַנדלען יידישע פּראָבלעמען און, וועלכע איר האָט פריינטלעך גע־שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון הויכן געריטס־טריבונאַל, דורך דער פאַרמיטלונג פון פּאָליציי־קאָמיסאַר מאַטיע.

מיין בעסטן דאַנק.

די דאָזיקע ווערק וועלן פיל נוצן ברענגען צום משפטן די באַשולדיקטע, וועלכע זיינען דורכן הויכן געריכט אָנגעקלאָגט אין מלוכה־פאַראַט און, זיי וועלן אונז איינשפּאַרן צאָלרייכע זוכענישן אין די אַרכיוון.

באַוויליקט אָנצונעמען, ה׳ גענעראַל־סעקרעטאַר, די פאַרזיכערונג אין אונזער טיפסטן רעספּעקט.

פּרעזידענט
פון הויכן געריכטס־טריבונאַל
אונטערגעשריבן **נאַגער**

צוגאַב 3

מיניסטער פּובליק
פראַנצויזישע דעלעגאַציע
נירנבערג, אַפּאַ 403 אַ. ס. אַרמי
פּאַריז, פּלאַץ וואַנדאָם 20.

פּאַריז, דעם 2־טן יאַנואַר 1946

פאַרשטייער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג
ביים מיניסטער פּובליק פון
אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל

צו
ה׳ **שניאירסאָן**
פּרעזידענט פון דאָקומענטאַציע־צענטער, פּאַריז

הער פּרעזידענט,

איך דריק אייך אויס מיין אָנערקענונג פאַר דער אויסגעצייכנטער פאָר־שונגס־און דאָקומענטאַציע־אַרבעט, וועלכע איר האָט אַדורכגעפירט און מיט וועמענס רעזולטאַטן מיין אַסיסטענט, ה׳ עדגאַר פאַר, האָט מיך באַקאַנט גע־מאַכט צוליב דעם טייל, וועלכער אינטערעסירט די פראַנצויזישע דעלעגאַציע ביים העכסטן געריכט פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל.

די דאָזיקע אַרבעט דאַרף נאָך מער אָפּגעשאַצט ווערן, ווייל איר האָט זי אונטערגענומען מיט גרויס מוט, אין אַ באַזונדערס שווערן פּעריאָד, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, פון וועלכער פראַנקרייך האָט אַזוי פיל געליטן און וועמענס פאַרברעכערישן כאַראַקטער מיר ווילן אויפדעקן פאַר דעם הויכן געריכט, וועלכער איז צוליב דעם געשאַפן געוואָרן.

איר האָט ספּאָנטאַן פאַרגעלייגט, צוצושטעלן דעם רעזולטאַט פון אייער אַרבעט, צו דער דיספּאָזיציע פון מיינע מיטאַרבעטער, ברענגענדיק אַזוי אַרום צושטייער אייער מיטהילף פון דער ערשטער וויכטיקייט לטובת דעם ווערק פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע.

איך וויל אייך אומבאַדינגט הארציק באַדאַנקען

אונטערגעשריבן **פ. דע מענטאָן**

MINISTERE PUBLIC DELEGATION FRANCAISE

[illegible]

Paris, le 2 Janvier 19[illegible]

La Délégué du Gouvernement Français
au Ministère Public du
TRIBUNAL INTERNATIONAL

à

Monsieur SCHNEERSOHN
Président du Centre de Documentation
6, rue Lalande
PARIS.

Monsieur le Président,

Je tiens à vous adresser tous mes compliments pour le travail remarquable de recherche et de documentation que vous avez accompli et dont mon adjoint, Me EDGAR-FAURE, m'a fait connaître les résultats pour la partie qui intéresse la Délégation Française au Ministère Public du Tribunal International.

Ce travail doit être d'autant plus vivement apprécié que vous l'avez entrepris avec un grand courage dans une période d'exceptionnelles difficultés au temps de l'occupation allemande dont la France a tant souffert et dont nous allons dénoncer le caractère criminel devant la haute juridiction constituée à cet effet.

Vous avez spontanément proposé de mettre le résultat de vos travaux à la disposition de mes collaborateurs, apportant ainsi un concours de première importance à l'oeuvre de la Délégation Française.

Je tiens à vous en remercier très vivement.

[illegible]

פאַקסימיל פון בריוו פון ה׳ פ. דע מאַנטאָן צו ה׳ שניאורסאָן
(זע נעבנזייט)

צוגאָב 4

אפיס אף טשיף אף קונסעל
פאר וואר קרעימס
אפא 124 א

23 דעצעמבער 1946

צו ה׳ זשוסטען גאָדאר
ערן-פרעזידענט פון היינטצייטיקן
יידישן דאָקומענטאַציע-צענטער, פאַריז

הער מיניסטער,

איך וויל אייך אויסדריקן מיין וואַרעמסטן דאַנק, פאַר דער וויכטיקער דאָקומענטאַציע, וועלכע דער דאָקומענטאַציע־צענטער האָט אונז איבערגעגעבן, דורך דער פאַרמיטלונג פון ה׳ ל. פאַליאַקאוו, און וואָס איז אַ באַדייטנדיקער הילפס־בייטראַג פאַר אונזער ווערק.

איך האָף, אַז עס וועט פאַר אייך מעגלעך זיין פאָרצוזעצן אונזער מיט־אַרבעט, דערמעגלעכנדיק אויף אַזאַ אופן, אין דער צוקונפט, פאַר אונז צו גע־ניסן פון דער גרויסער פאָרשונגס־ און סינטעזן־אַרבעט, וועלכע אייער אינסטי־טוציע פירט איצט אַדורך.

איך וועל זיין זייער גליקלעך, אויב עס וואָלט אייך מעגלעך געווען, נישט קוקנדיק אויף אייערע צאָלרייכע באַשעפטיקונגען, מיר צו פאַרשאַפן דעם כבוד אונז צו באַזוכן אין נירנבערג און בייצואוווינען עטלעכע געריכטס־פאַרהאַנד־לונגען פון די נייע פּראָצעסן, וועלכע זיינען איצט אין גאַנג. עס וועט פאַר מיר זיין אַ באַזונדערער כבוד, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, צו שליסן מיט אייך באַקאַנטשאַפט.

איך בעט אייך, הער מיניסטער, צו באַוויליקן אָנצונעמען די אויסדרוקן פון מיין טיפסטער אַכטונג.

טעלפארד טאילאר
גענעראַל בריגאַדיר או. ס. ארמי
טשיף אף קונסעל פאר יוער קרעימס.

עטלעכע אפרופן וועגן דער אקטיוויטעט פון „הײַנטצײַטיקן יידישן דאקומענטאציע-צענטער"

1) אויסצוג פון דער איינלייטונג פון ה' עדגאר פאַר, צום ווערק, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן ה. יי. ד. צ. „רדיפות איבער די יידן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע מערב־לענדער, צוגעשטעלט דורך פראַנקרייך קיין נירנבערג".

„...מיר האָבן געהאַט צו אונזער דיספּאָזיציע גאָר אַ באַגרענעצטע צייט אויף אויסצוזוכן און סעלעקציאָנירן, אין פראַנקרייך, די דאָקומענטן, וועלכע זיינען אונז נויטיק געווען אונטערצוהאַלטן אונזער ערשטן בייטראַג צו דער באַשולדיקונג — און דעמאָלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז די מיטהילף פון ה. יי. ד. צ.; דאָס איז נישט געווען, גלאַט אַזוי זיך, אַ פּשוטער דאָקומענטאַציע־ביוראָ. נאָר, גראָד בשעת דער אָקופּאַציע־עפּאָכע און אין סאַמע פייער פון די סכנות, וועלכע האָבן זיי באַדראָט, האָבן ה' י. שניאורסאָן און זיינע פריינט, געשאַפן זייער אָרגאַניזאַציע. וואָס פאַר אַ האַלוצינירנדיקע וויזיע שטעלט מיט זיך פאָר דער געיאָגטער, ווען ער באַאָבאַכט מיט אַ וויסנשאַפטלעך אויג, די געשעענישן, די האָרדעס! באַלד נאָך דער באַפרייאונג, האָבן אונזערע אָבסערוואַטאָרן אַזוי־אַרום, זיך געקאָנט אַ לאָז טון צום אָביעקטיוו און זיך פאַרזיכערן דאָס איינהאַלטן די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן... אַ דאַנק זיי, איז אונז מעגלעך געווען זיך צו אָריענטירן אינם מיש־מאַש פון די פאַרשידנאַרטיקע פּאַפּירן... ווי עס זאָל נישט זיין אויף להבא, איז פון דער ערשטער וויכטיקייט, אַז גלייך איצט, זאָל די לעקציע פון דעם, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן — פאַרשפּרייט און פאַרשטאַנען ווערן. דערצו צילט דאָס בוך, דורך וועלכן דער

ה. יי. ד. צ. זעצט פאָר זיין מיסיע, וועלכע איז, אין זיין צייט, אַזוי הערָאיש אונטערגענומען געוואָרן.״

עדגאַר פאָר
רעגירונגס-פינאַנץ-סעקרעטאַר
פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג
ביים אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל
פון די גרויסע מלחמה-פאַרברעכער.

2) אויסצוג פון דער איינלייטונג פון ה׳ **רענע קאַסען**, צום ווערק: **„די פאַרפאָלגונגען איבער די יידן אין די מזרח-לענדער, צוגעשטעלט קיין נירנבערג״.**

„...איך האַלט פאַר אַ חוב צו לויבן די, וועלכע האָבן געהאַט דעם קוראַזש זיך צו דערמאָנען, און וועלכע זוכן, אַ דאַנק זייער אָביעקטיוויטעט, צו פאַרהיטן די וועלט פון אַ נייעם און שרעקלעכן צוריקפאַל אין אָפּגרונט פון באַרבאַריי. דער ה. יי. ד. צ., וועמענס אומדערמידלעכע באַמיאונג איז צוריקצושטעלן אין דער געשיכטע די פיזיאָנאָמיע פון אייראָפּע אונטער דעם נאַציישן שטיוול — געהערט צו די דאָזיקע...״

רענע קאַסען
וויצע-פרעזידענט פון דער רעגירונג, געוועזע־נער נאַציאָנאַלער יוסטיץ-מיניסטער, מיטגליד פון פראַנצויזישן אינסטיטוט.

3) **פאַסטאָר בעגנער, פרעזידענט פון דער פראָטעסטאַנטישער פעדע־ראַציע אין פראַנקרייך, שרייבט :**

„איך גראַטוליר פון גאַנצן האַרצן אייערע מיטאַרבעטער, פאַר דער וויכטיקער אַרבעט, וועלכע זיי האָבן אַדורכגעפירט. זיי האָבן צו־געשטעלט צו אונזער דיספּאָזיציע אַן ערשט־ראַנגיקע דאָקומענטאַ־ציע און איך דריק זיי פערזענלעך אויס מיין אָנערקענונג״.

4) **באַריס סמאָלאַר,** דירעקטאָר פון דער **„דזשואיש טעלעגראַפיק אַזשענסי״,** ניו-יאָרק, שרייבט :

„איך האַלט, אַז איר טוט אַ וואונדערבאַרע אַרבעט, קאָלעקציאָנירנ־דיק און פאַרעפנטלעכנדיק די דאָקומענטן, אָן וועלכע די יידישע געשיכטע פון די לעצטע טראַגישע יאָרן, וואָלט נישט געקענט גע־שריבן ווערן מיט אויטענטישקייט״.

5) **סעסיל ראָטה**, באַוואוסטער יידישער היסטאָריקער, שרייבט:

„איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר דעם צושיקן מיר אייערע ווערק און גראַטוליר אייך פאַרן אַרויסגעבן זיי. אַלס פּראָפעסיאָנעלער היס־טאָריקער, האַלט איך, אַז זיי זיינען פון אַן אומשאַצבאַרן ווערט: די ריכטיקע פאַקטן און דאַטעס פון דער קעגנוואַרטיקער געשיכטע זיינען שווערער פעסטצושטעלן, ווי די געשעענישן פון דער וויי־טער פאַרגאַנגענהייט און, עס ווייזט זיך מיר אויס תמיד נויטיק צו רעקאָמענדירן אַזעלכע ביכער, וועלכע איר פאַרעפנטלעכט. די געשיכטע וועט עס אייך אָנערקענען".

6) **אַ** בריוו פון דער **צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן**:

לאָדזש, דעם 14־טן אַפּריל 1947.

„מיר האָבן דערהאַלטן אייער בריוו, ווי אויך די מאַטעריאַלן, וואָס באַציען זיך צום קומענדיקן פּראָצעס רודאָלף העס (קאָמענדאַנט פון אוישוויצער לאַגער). די דערמאָנטע מאַטעריאַלן זיינען אונז אָנגעקומען פּונקט צו דער צייט און, אַ דאַנק זיי האָבן מיר גע־קאָנט, מיט דער גאַנצער ריכטיקייט, פעסטשטעלן די צאָל פון די דעפּאָרטירטע יידן פון פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און שפּעטער, אומגעקומענע אין אוישוויץ.

מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט אייער דאָקומענטאַציע, כדי אויפ־צווייזן די היפּאָקריטישקייט פון דער היטלעריסטישער מאַכט בכלל, און אין באַצוג צו די יידן בפרט.

מיר דאַנקען אייך אויפריכטיק פאַר דער הילף, וועלכע איר האָט אונז געבראַכט אינם פּראָצעס פון רודאָלף העס".

נאָכוואָרט

די שווידערלעכע געשעענישן, וועלכע זיינען זיך פאָרלאָפן צווישן יאָר 1933 און דעם זיג פון די אַלירטע — די רדיפות, גרוילן פון דער אָקופּאַציע־צייט, עקזעקוציעס, די קאַשמאַרן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן — דאַרפן דערציילט ווערן, דערקלערט און באַשטעטיקט ווערן, פאַר אונזערע קינדער און קינדס־קינדער. מיר יידן, טאָרן נישט גרינג־שעצן אַזאַ מין אויפגאַבע און איבערלאָזן די דאָזיקע מיסיע אַדורכצופירן פאַר אָפיציעלע אַמטן, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, אָדער פאַר דער ליטעראַטור, וועלכע מערט זיך בשפע זינט דער באַפרייאונג, אַרויסברענגענדיק אָן אַ צאָל גבית־עדותן פון פערזענלעכן כאַראַקטער, פיל־וויניק פון אַ ראָמאַנסירטן ניואַנס, אָפטמאָל פון אַן אויסגעצייכנטן היסטאָרישן ווערט, וואָס מוזן אָבער טיילמאָל געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגע־צייכן.

אין אָט דעם געביט, וואָלט מען באַדאַרפט געבן דאָס וואָרט די יידן און נישט נאָר אַלס יחידים, נאָר אַלס גאַנצן קאָלעקטיוו.

דער ערשטער חוב פון די יידן איז, צו זאַמלען און צו פאַרהיטן פאַר יעדע מעגלעכע עווענטואַליטעטן, אַן אויטענטישע און אומבאַשטרייטבאַרע דאָקומענטאַציע איבער די טראַגישע געשעענישן פון דער נאַצישער עפּאָכע. פאַרשטענדיק פאַר דער עפנטלעכקייט די דאָזיקע דאָקומענטאַציע אינגאַנצן אָביעקטיוו, שאַפט מען דערמיט אַן אמת־סאָלידע און ווירקזאַמע דאַמבע, אויף צו באַשיצן דעם היסטאָרישן אמת מצד די אויפגייענדיקע כוואַליעס פון שקר, פאַרליימדונג און פאַרגעסונג.

די אַקטועלע געשעענישן, וועלכע שפּילן זיך איצט אָפּ, קומען אונטערשטרייכן, אויף אַ פאַל פון אַ נויטווענדיקייט, די באַדערפעניש פון אַזאַ מין פאַרטיידיקונג. אין אַ צייט, ווען דער נאַציזם הויבט צוריק אויף דעם קאָפּ, ווען מיר זעען באַדראָט מיטן ווידערדערשיינען פונעם „שטירמער" און אַנדערע פּראָוואָקאַציע־בלעטער — זיינען די אַרבעטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אויטענטישע דאָקומענטן פון אַ שטרענג־גענויעם און אָביעקטיוון כאַראַקטער און, מחוץ יעדער מין פערזענלעכער איינשטעלונג און, אין וועלכע עס צייכענען זיך אויס די מיטאַרבעטער פונם הייגטצייטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער — פון גאָר אַ באַזונדער־אומשאַצבאַרן ווערט.

דער ה. יי. ד. צ., וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער פולער אונטערערדישער באַוועגונג, אין דער אָקופּאַציע־צייט, האָט געהאַט דאָס באַזונדערע גליק, אָנגע־

פֿירט צו ווערן, גלייך פֿון די ערשטע טעג אָן — דורך אַ ווילן, וואָס גיט זיך באַוואוסטזיניק אָפּ אַ חשבון וועגן די צילן, וואָס מען דאַרף דערגרייכן. נישט צווייפֿלענדיק קיינמאָל אין דעם זיגרייכן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה, האָבן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿון ה. יי. ד. צ. קאָנצענטרירט זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו זאַמלען און קאָנסערווירן די דאָקומענטן, וועלכע באַלייכטן פֿאַר די קומענדיקע דורות, אָט דעם העסלעכן פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון די ייִדן און פֿון פֿראַנקרייך. אין זייערע אַרבעטן האָבן זיי זיך נישט אינספּירירט מיט דער פֿאַנטאַזיע, לויט דער מאָדע פֿון 1949, נאָר מיט דער קלאָרקייט פֿון די, וועלכע האָבן פּערזענלעך איבערגעלעבט אַלץ, וואָס זיי דערציילן; אַ קלאָרקייט וואָס איז אַזוי אינטענסיוו־שטאַרק, אַז זי דערמעגלעכט צו דערגרייכן די פֿולע אָביעקטיוויטעט — איך חזר עס איבער — אָפּגעזען פֿון יעדער פּערזענלעכער באַפֿאַרבונג.

די דאָזיקע לעצטע אייגנשאַפֿט איז אומגעהויער וויכטיק אויף אַנטקעגנצווווירקן די שעדלעכע פֿאָלגן פֿון פֿאַרגעסן, וואָס וואָלט געקענט פֿאַוואָריזירט ווערן אָדער דורך אַ צו לייכטן הומאַניטאַריזם, אָדער דורך אַ פּאָליטישער אויסרעכענונג, צי גאָר אַ דאַנק אַ פֿאַרבאָרגענעם אַנטיסעמיטיזם. לאָמיר זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז בלויז די קרייזן פֿון די ווידערשטענדלער, וועלכע האָבן צום מערסטן געליטן אין דער צייט פֿון קאַטאַקליזם — האַלטן אויף אין זיך, אומבאַרירט, דעם דערינערונגס־פֿלאַם. אָבער אויך די פֿון צווישן אונז, וועלכע עס איז דעם שונא נישט געלונגען אומצוברענגען, דאַרפֿן האָבן פֿאַר אַ הייליקן חוב, איבערצוגעבן פֿאַר די ווייטערדיקע דורות די ברענענדיקע זכרונות פֿון די אוממענטשלעכע לײַדן, וועלכע מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אין די דאָזיקע שרעקלעכע יאָרן.

די סעריע אַרבעטן, וועלכע זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורכן ה. יי. ד. צ. די יורידישע סעריע, די סעריע — „דאָקומענטן" און „מאָנאָגראַפֿיעס" זיינען אויף להבא אומבאַדינגט נויטיק פֿאַר יעדן איינציקן היסטאָריקער, ווי אויך פֿאַר יעדן איינעם, וואָס איז געבונדן מיטן ייִדישן לעבן. עס איז לחלוטין נישט נויטיק צו לויבן דערפֿאַר די מחברים פֿון די דאָזיקע אַרבעטן. דערין ליגט טאַקי דער גאַנצער פֿאַרדינסט פֿון פּרעזידענט יצחק שנאירסאָן, דעם גרינדער פֿון ה. יי. ד. צ., דעם אומדערמידלעכן אָנרעגער זיינעם, וואָס ער האָט געוואוסט צו גרופּירן אַרום זיין אינסטיטוציע אַן אָפּקלויב פֿון מיטאַרבעטער פֿון אַן אויסנאַמלעכן ווערט. זייענדיק אַליין אַ רעאַליזאַטאָר פֿון דער ערשטער מדרגה, איז ה' שנאירסאָן געקומען צו אונז קיין גרענאָבל אין 1942, כדי פֿאָרצושלאָגן אונז אַ געוואַגטן פּלאַן וועגן שאַפֿן, אונטער דער סאַמע נאָז פֿון די אָקופּאַנטן און אין סאַמע פֿייער פֿון די געשעעענישן — אַ ייִדישן דאָקומענטאַציע־צענטער. עס איז אים געלונגען אונז איבערצוייגן, גלייך פֿון אונזער ערשטן קאָנטאַקט אָן און דאָס, גראָד אין אַ מאָמענט, ווען מיר זענען אַלע געווען פֿאַרנומען מיטן

טראכטן וועגן דער רעזיסטאַנס, וועגן ראַטעווען אונזערע ברידער, וועגן באַשיצן אונזערע פאַרמעגנס, ווייל — ער האָט געוואוסט וואָס ער וויל.

און איבער דעם דאָזיקן רעאַליזאַטאָרישן, פּאַרעקשנטן, איינגעשפּאַרטן און מעכטיקן ווילן, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם ה׳ שנאַירסאָן, גייט נאָך אַריין אין חשבון פון דערפאָלג אין זיין אונטערנעמונג, אויך די ברייטקייט פון זיינע פּערספּעקטיוון. ער האָט גלייך פון אָנהויב פאַרשטאַנען, אַז די יידישע טראַגעדיע אונטערן האַקנקרייץ, בילדעט איין גאַנצעס; אַז דאָס אָפּטיילן אויף אָט דעם געביט, לויט געאָגראַפישע, נאַציאָנאַלע, אָדער סאָציאַלע קאַטעגאָריעס — וואָלט געווען ווילקירלעך, נישט־יושרדיק און וואָלט געפעלשט דעם היסטאָרישן פאַרלויף פון די געשעענישן. דעריבער האָט ער אויסגעברייטערט דאָס פאָרשונגס־פעלד ביים ה. יי. ד. צ איבער גאַנץ איראָפּע, וואָס איז געווען אונטער היטלערס יאָך. מיר האָבן געזען דערשיינען ווערק איבערן וואַרשעווער געטאָ, איבער די רדיפות אין די מזרח־לענדער. אין נאָוועמבער 1947, איז אין פּאַריז, דורכן ה. יי. ד. צ. צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיעס און דאָקומענטאַציע־צענטערס אין איראָפּע. אירע אַרבעטן האָבן דערמעגלעכט, צום ערשטן מאָל, זיך צו מאַכן אַן אַלגעמיין בילד איבער דער טראַגעדיע פון איראָפּעאישן יידנטום. עס איז איבעריק ספּעציעל אונטערצו־שטרייכן רעאַליזירונגען פון אַזאַ פאָרנעם.

דער צוטרוי, וועלכן ה׳ שנאַירסאָן האָט אונז דעמאָלט אין גרענאָבל אינס־פּירירט, האָט אונז נישט אַנטוישט. ער האָט „רעאַליזירט" אַלע פאַרשפּרעכונ־גען און אפילו נאָך מער, ווי ער האָט צוגעזאָגט. דער ה. יי. ד. צ. איז איצט — נאָך דער ליקווידאַציע פון די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיעס אין איראָפּע — די איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע איז אימשטאַנד אויפצוהאַלטן אין איר גאַנצער אומפּאַרענדערטקייט און מיט דער גאַנצער היסטאָרישער גע־נויקייט — די דערינערונג פון די גרוילן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכ־געמאַכט. און אויך איז דער ה. יי. ד. צ. בכוח זיך צו פאַרמעסטן קעגן דעם שקר, קעגן דעם פאַרקרימפלען די פאַקטן און קעגן דער פאַרליימדונג, אַנטקעגנ־שטעלנדיק זיי דעם ריינעם, אָביעקטיוון אמת.

אויב דער רעאַליזאַטאָרישער ענטוזיאַזם, דער אומבויגזאַמער גלויבן פון ה׳ שנאַירסאָן, רייסן מיט כמעט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע סאָ־ציאַלע, אָדער פילאָזאָפישע טענדענצן זיי זאָלן נישט זיין — איז עס דאָך, אין דער ערשטערריי, אַ דאַנק דער פאַרשטענדעניש פונם דזשאָינט, דעם ה. יי. ד. צ. געלונגען זיך צו אָרגאַניזירן און אָנצונעמען אַזאַ וואונדערבאַרן שוואונג.

די שטיצע, וועלכע דער דזשאָינט און, גאָר באַזונדערס, דער ד״ר יוסף י. שוואַרץ, האָט אַזוי ברייטהאַרציק אָנגעבאָטן דעם ה. יי. ד. צ., האָט געבראַכט אַן אומגעהויערן נוצן דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע.

די וויכטיקייט פונם ווערק, וואָס איז שוין ביז איצט אַדורכגעפירט גע־וואָרן דורכן ה. יי. ד. צ., איז ביז גאָר, אַ באַדייטנדיקע. יעדער מענטש, פון וואָס

פאַר אַ פּאָליטישער ריכטונג ער זאָל נישט זיין און, וועלכער דאַרף אָננעמען אַ שטעלונג לגבי דעם פּראָבלעם פון די באַציאונגען מיט דייטשלאַנד, אין דער קעגנוואַרט און אויף דער צוקונפט, אָדער איבער דער מיטאַרבעט מיטן אָקופּאַנט אין דער פאַרגאַנגענהייט — מוז כסדר אָנקומען צו די שוין ביז־איצט פאַרעפנטלעכטע ווערק פון אָט דער אינסטיטוציע, כדי זיי געוויסנהאַפטיק אַדורכצושטודירן.

איך האָב נישט וואָס צוצוגעבן, כדי אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון אָט די ווערק פון ריין־יידישן שטאַנדפּונקט. איך וויל נאָר באַטאָנען, אַז אפילו די פון צווישן אונז, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז פון די דאָזיקע טראַגישע איבערלעבענישן איז די איינציקע לייזונג צו קאַמופלירן זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק — האָבן געמוזט ענדערן זייער מיינונג, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַקענט מיט די ווערק פון ה. יי. ד. צ.

אַלס אויספיר, קען איך צוגעבן, און דאָס — מיט דער גאַנצער אָביעקטיוויטעט און מיט דער גאַנצער געוויסנהאַפטיקייט, אַז דער ה. יי. ד. צ. האָט, אַ דאַנק זיין ביז איצט אָפּגעטוענער אַרבעט — פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון אַלוועלטלעכן יידנטום בפרט, און פון דער גאַנצער מענטשהייט אין איר אַנסאַמבל.

ל. מעיס

ערן־פּרעזידענט פון דער צענטראַלער
קאָנסיסטאָריע אין פראַנקרייך

Imprimerie « E. P. »,
232, rue de Charenton, Paris-12e